ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇ ר"ב ◇
חיי שרה תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'

תתתתשכ) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אברהם וואלף טירנויער ע"ה**

## געשאפן פרישטאג פאר די בחורים

אין די ערשטע יארן נאך וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט מייסד געווען זיינע מוסדות און די ישיבה אין אמעריקע, האבן די נאנטע חסידים פונעם רבי'ן געטון אלעס אויף די וועלט צו העלפן דעם עקזיסטענץ פון די ישיבה, וואוסנדיג אז דער רבי טראגט דעם עול אויף זיינע פלייצעס, און מיט יעדע פעולה וואס מ'טוט פאר די ישיבה טוט מען אים פערזענליך א נחת רוח.

דער זיידע ז"ל איז געווען צווישן דעם רבי'נס סאלדאטן, אין יענע יארן איז נישט געווען קיין פראגראמען וואס האבן צוגעשטעלט קיין סעודות, פלעגט ער יעדן טאג ארומלויפן איבער די גראסעריס אין וויליאמסבורג און געבעטן אז זיי זאלן מנדב זיין די איבער געבליבענע ברויט פאר די בחורים, און דאס האבן די בחורים געגעסן דעם קומענדיגן טאג. אזוי פלעגן דעם רבי'נס חסידים זיך מוסר נפש זיין צו העלפן דעם רבי'ן שלעפן דעם שווערן לאסט.(ישראל מאיר פאלקאוויטש, חיים יקותיאל יאקאבאוויטש, שלמה מנשה פאלקאוויטש)

תתתתשכא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב**

## שכר לימוד און דינער געלט

עס איז געווען עטליכע מאל וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט פאראדרעגט א קהל'ס גענעראל פארזאמלונג צום בעפארשטייענדיגן יערליכן דינער, צו פארלאנגען פון אנשי שלומינו זיך אהערצושטעלן מיט גרעסערע סכומים פאר החזקת המוסדות הקדושים.

מיר געדענקען ווי בשנת תשכ"ה לפ"ק האט דער רבי אליין אנגעפירט די אסיפה, און ארויסגעברענגט דאס וויכטיגקייט פון מחזק זיין די מוסדות הק', אז דאס איז פאר אונזערע אייגענע קינדער, און פונקט ווי מ'דארף אינזינען האבן די פרנסה מיט די אייגענע דירה, דארף מען אוודאי אינזינען האבן דעם חינוך פון די קינדער און די קומענדיגע דורות.

אינמיטן די דברות קודש האט דער רבי געזאגט מיט התרגשות "עס געפונען זיך מענטשן מיט טענות אויף די הנהלה מיט די ווערטשאפט, מיט דעם קען מען אלעס חרוב מאכן! אזוי ווי דער צווייטער ביהמ"ק איז חרוב געווארן וועגן שנאת חינם, און נאר מיט שלום און אחדות קען מען צוזאמענהאלטן די הייליגע מוסדות און די קהילה.

יעדער איז ארויס פון די אסיפה כאיש אחד בלב אחד צו העלפן די הייליגע מוסדות, און יענעם יאר איז געווען גאר א שטארקע הצלחה. (חיים מענדל שווארטץ, הב' יצחק אייזיק סטרולאוויטש, מרדכי הכהן בארזעסקי, מרדכי שווארטץ)

תתתתשכב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב הי"ו**

## די מוסדות האט א בעל הבית

מיין פעטער הרה"ח ר' יעקב הערש שעהנפעלד ז"ל פלעגט אסאך עוסק זיין לטובת די מוסדות הק', אין די יארן וואס הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ע"ה איז געווען דער מנהל המוסדות.

פלעגט ער מיר דערציילן ווי ר' ליפא ע"ה פלעגט כסדר אויסלערנען די עסקנים וואס טוען פאר די מוסדות זיי ארבעטן נישט פארן אפיס, און נישט פאר די הנהלה, נאר פארן רבי'ן אליין, וואס ער איז דער מייסד און נשיא המוסדות, ממילא דארף אן עסקן נישט טראכטן צי מ'וועט אים באצאלן אדער באערן אלס זיין עסקנות, ווייל מיר אלע זענען שולדיג פארן רבי'ן אונזער לעבן און אונזער אידישקייט.

עס האט מיר דערציילט מו"ה מ. וו. הי"ו וועלכער האט אין יענע יארן ארייגעלייגט גרויסע כוחות לטובת דעם דינער פאר די מוסדות, און ער האט ארייגעברענגט אסאך געלט. מיט א צייט דערויף האט ער געדארפט האבן א 'סטודענט פעיפער' (דאס איז געווען א דאקומענט פון די ישיבה, וואס צייגט אז מ'איז א סטודענט און מ'איז באפרייט פון מיליטער, ר' ליפא פלעגט בעטן פאר אזא צעטל 200$ פאר די מוסדות) ווען ר' ליפא האט אים געבעטן די 200$ האט ער זיך אנגערופן 'איר ווייסט דאך אז איך האב צוגעשטעלט דעם גאנצן דינער'...

זאגט אים ר' ליפא מיט א פשטות "איר האט דען געארבעט פאר מיר?! די מוסדות זענען דען מיינע?! איר האט דאך געארבעט פארן רבי'ן, און איך ארבעט אויך פארן רבי'ן"...

אין יענע יארן פלעגט ר' ליפא ע"ה דארפן צושטעלן יעדעס יארן א רשימה פארן רבי'ן מיט די אלע משתתפים ביים דינער, וויפיל יעדער האט געגעבן. און באזונדער א רשימה פון די חברי קהלתינו וואס האבן זיך נישט משתתף געווען. (יואל מרדכי גאטליעב, אלי' גאטליעב, נחום מרדכי שפיטצער)

תתתתשכג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' עמרם יודא ווייס הי"ו**

## דער געשעפט האט זיך געלוינט

א איד פון לעיקוואד האט אינוועסטירט שווערע געלטער אין א ביזנעס, און נאך א קורצע צייט האבן זיינע שותפים מחליט געווען אפצוהאקן מיט אים, און ער איז געשטאנען פאר א גרויסע געלט שאדן.

דער איד איז ארויסגעפארן קיין קרית יואל, און ער האט מתפלל געווען אויפן ציון פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער האט מבטיח געווען אז אויב וועט ער האבן א ישועה, וועט ער יעדעס יאר געבן פאר די מוסדות א סכום פון צוואנציג טויזנט דאללאר.

ווי נאר ער איז ארויס פון אוהל קלונגט אים דער טעלעפאן, און זיין פרוי דערציילט אים אז יענע שותפים זוכן אים זייער וויכטיג. ער האט זיי שנעל צוריק גערופן, זאגן זיי איהם אז זיי האבן מחליט געווען אז זיי ווילן יא גיין ווייטער מיטן געשעפט...

דער איד האט זייער שיין מצליח געווען, און מידי שנה בשנה ברענגט ער דעם צוגעזאגטן סכום פאר די מוסדות הק'. (יוסף געשטעטנער, יצחק געשטעטנער)

תתתתשכד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלמה זלמן חיים עפשטיין הי"ו**

## ווער קען זיך פארגלייכן?!

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' יצחק לייכטאג ז"ל אז ער האט אמאל געדארפט דורכגיין אן אפעראציע אויפן אויג ל"ע, און ער איז אריינגעגאנגען צו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער האט געבעטן אז דער רבי זאל אים אנוואונטשן אז ער זאל נישט דארפן אריבערגיין די אפעראציע, ווייל אין יענע צייטן האט דאס געהייסן א שווערע אפעראציע.

האט דער רבי געפרעגט "ווי קען איך דעם אזוי אנוואונטשן אז מ'זאל נישט דארפן מאכן קיין אפעראציע".

האט ער געזאגט פארן רבי'ן "איך ווייס אז צדיקים קענען...", און ער האט דערציילט פארן רבי'ן אז זיין טאטע איז געבליבן א יתום אלס קליין קינד, און ווען ער איז אביסל גרעסער געווארן איז אין ארויסגעוואקסן א הויקער, און זיין מאמע די אלמנה איז געווען זייער באזארגט אז זי וועט נישט קענען מיט אים טון א געהעריגן שידוך, האט זיך אים גענומען 'צום הייליגן רב' (אזוי האבן חסיד'ישע אידן גערופן דעם הייליגן דברי חיים זי"ע) און דער הייליגער רב האט ארויפגעלייגט זיין הייליג האנט אויפן הויקער, און

עס אויסגעגלעט ביז דער הויקער איז ארויין אינגאנצן פון רוקן און ארויסגעקומען פון פארנט (דארט איז שוין דער פראבלעם נישט געווען אזוי אנמערקבאר ווייל מ׳האט עס פארדעקט). האט ר׳ יצחק אויסגעפירט "איך האב געקענט מיין טאטן ז"ל אלע יארן, און איך האב געזעהן דעם סימן פונעם הויקער פון פארנט, פון דעם ווייס איך אז צדיקים קענען..."

ווען דער רבי האט דאס געהערט אז ער זייער נתרגש געווארן און זיך צוזאמען געקלאפט די הענט, און אונטערהייבנדיג זיך פון בענקל האט ער געזאגט "וואס דער הייליגער רב האט געקענט ווער קען נאך ? !..." (משה ווערצבערגער, יודא ווערצבערגער)

תתתתשכה) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

## פיר בלאט איז געגוג...

דער שאפראנער רב - כ"ק הגה"צ רבי **שמעון ישראל פאזען** זצ"ל בעמח"ס תורת א׳ - איז אמאל אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול נאכן זמן תפילה (10 אזייגער פארמיטאג) און ער האט געזעהן ווי איינער פון די שפעטע מתפללים שפאצירט זיך פון די מקוה אדער פון די קאווע, אריין אין ביהמ"ד מיט א רואיגקייט, און ער וויל זיך שוין אנהייבן צו רישן זיך צו שטעלן דאווענען....

רופט ער זיך אן בחכמת תורתו כדרכו בקודש "ווער זאגט אז מ׳דארף לערנען פינף בלאט גמרא צופרי פאר שחרית ? ! אפשר איז גענוג אז מ׳לערנט פיר בלאט גמרא און מ׳דאווענט בזמנו ? !". (יואל הכהן פריעדמאן, יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן)

תתתתשכו) עס האט דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר׳ משה הערש ווייס ע"ה

## דער זעלבער סם המות, אונטער א צווייטע נאמען

ווען ער האט געלערנט אין סאטמאר אין די ישיבה פון **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע, האט ער אמאל געהערט ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט מיט א משל וואס איז נוגע די אלע פארטייען ווי ציוני׳סטן, מזרחי׳סטן, אגוד׳יסטן.

עס איז געווען אמאל א מענטש וואס האט ערפינדן א מעדיצין, וואס וואלט געדארפט היילן חולים, אבער די רעגירונג האט געהאלטן אז דאס איז סם המות, און זיי האבן ארויסגעגעבן א פארבאט דאס צו פארקויפן. דער מענטש איז אבער געבליבן מיט אסאך סחורה וואס ער האט פאבריצירט, און ער האט דאס געוואלט פארקויפן, האט ער מחליט געווען צו טוישן דעם נאמען, און אזוי האט ער דאס ווייטער פארקויפט אונטער א צווייטן נאמען. ווען די רעגירונג איז געקומען אויף זיינע שפורן און זיי האבן דאס אפגעשטעלט, האט ער ווידער געטוישט צו א דריטן נאמען, און די נאיווע קונים וואס האבן נישט געוואוסט אז דאס איז אלעס איין און דאס זעלביגע, האבן דאס ווייטער געקויפט, ביז ווען מען האט איהם ווידער געכאפט און אפגעשטעלט.

דאס זעלביגע איז מיט די ציונים, וואס זיי האבן ערפינדן דעם רעיון הציוני וואס איז סם המות פאר אידישע קינדער, די גדולי הדור, די צדיקי אמת, האבן געזעהן די ביטערע סכנה וואס שטעקט דערין, האבן זיי ארויסגעשטעלט דערקעגן מיט א מלחמת חרמה, און זיי האבן מגלה געווען פאר די גאנצע וועלט אז דאס איז א ביטערע סם המות. זענען די רשעים געלאפן און געטוישט דעם נאמען אויף "מזרחי", און אזוי פרובירט צו פארנער׳ן די מאסן אז מ׳רעדט דא פון גאר א צווייטע מאטריאל וואס דאס איז יא כשר, און דאס מעג מען יא פארקויפן. אבער די גדולי הדור האבן ווידער מגלה קלונם געווען אז דא ודא אחת הוא, אוןביידע זענען פיגול הוא לא ירצה, זענען זיי געגאנגען און געטוישט דעם נאמען צו "אגודה". אבער ערליכע אידן דארפן זיין גענוג באווארענט און באוואוסטזיניג זיך נישט צו לאזן פירן פון די אלע טוישונגען פון די נעמען און וויסן אז דאס איז אלעס איינס און דאס זעלביגע, און אלעס איז די זעלבע קליפה און די זעלבע טומאה, וואס זייער ציהל איז צו ברענגען ערליכע אידן צו גלייבן אין דעם טמא׳נעם רעיון הציוני. (יואל ווייס)

תתתתשכז) עס דערציילט אונזער פעטער

## הרה"ח ר׳ יושע בראך הי"ו

## דו ווייסט דאך שוין...

מיין שווער - אונזער זיידע - הרה"ח ר׳ אברהם יוסף קויפמאן ע"ה האט געוואוינט אין אנטווערפן, און ער איז געווען זייער דבוק אין **הרה"ק רבי יענקעלע לייזער זצוק"ל מפשעווארסק**. איינמאל ווען רבי יענקעלע האט פארגעלערנט פרקי אבות, און ער איז אנגעקומען צו פרק ב׳ משנה ט׳, ביי די ווערטער "שכן טוב", האט ער געזאגט במתק לשונו "שכן טוב, אזוי ווי מיין שכן טוב רבי אברהם יוסף".

איידער די בר מצוה פון זיין זון הרה"ג ר׳ יצחק שליט"א, איז ער געגאנגען לאדענען רבי יענקעלע צו די בר מצוה. האט רבי יענקעלע געזאגט אז יענע נאכט האט ער א חתונה ביי א צווייטן איד וואס איז נישט געווען אזא היימישער.

האט דער זיידע געפרעגט "דער רבי גייט צו יענעם ענדערש ווי צו מיר ?".

האט רבי יענקעלע געענטפערט: ביים הייליגן **דברי חיים** זי"ע איז געווען א חסיד וואס האט כסדר מפציר געווען פאר א ישועה, און דער רבי האט אים נישט געוואלט מבטיח זיין קיין ישועה. איינמאל ווען דער חסיד איז געווען ביים דברי חיים זעהט ער אויפן טיש א בריוו וואס איז געקומען פון שווייץ, האט ער געפרעגט דעם גבאי׳ן וואס דאס איז, האט ער איהם דערציילט די גאנצע מעשה אז א איד פון שווייץ האט געשיקט זיך מזכיר זיין פאר א גרויסע ישועה, און די דאקטורים געבן אים נישט קיין האפענונג, און דער איד שרייבט אינעם בריוו אז ער איז א שומר תורה ומצוות, און ער האט געהערט אז דער ראבינער פון צאנז איז א גרויסער צדיק, דעריבער בעט ער פונעם ראבינער אז ער זאל בעטן פאר איהם, און אזוי ווי ער איז א גרויסער עושר זאגט ער צו אז אויב ער ווערט געזונט וועט ער געבן אסאך געלט פארן ראבינער.

האט אים דער דברי חיים געענטפערט אין א בריוו אז "עס איז נישט אמת, איך בין נישט קיין גרויסער צדיק, און ׳דו׳ ביסט נישט קיין שומר תורה ומצוות". און ער האט אים מסביר געווען אז עס איז דא רמ"ח מצות עשה׳ן און שס"ה גידים און יעדע עבירה וואס א איד טוט שעדיגט ער איין אבר ר"ל, און די מחלה פון וואס איר ליידט, דאס איז א מחלה אויפן גאנצן קערפער ל"ע, און דאס איז א סימן אז איר זענט בכלל נישט קיין שומר תורה ומצוות". און דער צאנזער רב פירט אויס אז אויב ער וועט ווערן א שומר שבת, וועט ער האבן א רפואה. וכך הוה דער איד האט דאס מקבל געווען אויף זיך און ער איז געזונט געווארן.

ווען דער חסיד האט געהערט די מעשה איז ער געווארן זייער צובראכן, און ער האט מיט ווייטאג געפרעגט דעם דברי חיים "רבי, פאר דעם שווייצער איד וואס היט נישט קיין תורה ומצוות דארף דער רבי שנעלער פועל׳ן א ישועה ווי פאר מיר ? !".

האט אים דער הייליגער דברי חיים געענטפערט "ווען א איד קומט נאך א ישועה דארף איך זיך שטארק אנשטרענגען צו פועל׳ן א ישועה, צומאל דארף איך זיך אריינלייגן אין א סכנה ר"ל, האב איך געטראכט אז פאר יענעם איד איז כדאי זיך אריינצולייגן אין א סכנה אז יענער איד זאל געוואויר ווערן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אבער דו ווייסט דאך שוין אז עס איז דא א גרויסער באשעפער, צי דארף איך זיך אריינלייגן אין א סכנה וועגן דיר ? !"...

מיט דעם האט זיך רבי יענקעלע פארענטפערט פאר מיין שווער, פארוואס ער דארף ענדערש גיין צום נישט היימישן איד וואס מאכט א שמחה, ענדערש ווי ביי מיין שווער וואס איז א היימישער איד.

למעשה איז רבי יענקעלע זצ"ל אנגעקומען צו ביידע שמחות יענע נאכט, און איבערגעלאזט זיינע הייליגע ברכות, זכותו יגן עלינו (די יארצייט געפאלט אויס קומענדיגן כ"ז חשון הבעל"ט) (אברהם יוסף הכהן לייטנער, שמעון הכהן לייטנער, אברהם יוסף קויפמאן, נחמי׳ ווייס)

תתתתשכח) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר׳ משה פאגעל הי"ו

## וואו זענען זיי פארקרומט געווארן?!

איינמאל ווען **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע האט פארגעלערנט סוגיא בעניני שמיטה בזמן הזה, האט מען אים געזאגט אז דער בריסקער רב ז"ל דער בית הלוי, שרייבט איבער דעם. האט דער רבי גענומען דעם ספר און מעיין געווען דערין, און ער האט זיך אנגערופן "זיינע סברות זענען דאך אזוי אויסגעהאלטן, וואו זענען זיי ווייטער אזוי פארקרומט געווארן"...

איך האב געהערט א גוט ווערטל פון הרה"ח ר׳ שמחה לאנדוי ז"ל - א חסיד׳ישער פוילישער איד - איבער דעם פאלשן דרך הלימוד, אז עס איז אמאל געווען א ליטווישער איד וואס האט זיך געמאטערט אויף א הארבן רמב"ם, אינמיטן האט ער איינגעדרימלט און ער חלומ׳ט ווי ער איז בעולם העליון נעבן דעם היכל הרמב"ם, און איינער זאגט אים אז ער זאל אריינגיין צום רמב"ם פרעגן זיין קשיא.

וכך הוה, דער ליטוואק איז אריינגעגאנגען און געפרעגט זיין קשיא פונעם רמב"ם, און דער רמב"ם האט אים מסביר געווען אז עס איז נישט קיין קשיא, און ער האט אים געזאגט קלאר וואס זיין כוונה איז געווען.

רופט זיך אן דער ליטוואק "איי, רבי משה, ניט אזוי לערנט מען פשט אין א רמב"ם"...

(ועי׳ בספה"ק ויואל משה מאמר ג׳ מ"ש רביה"ק זי"ע "וא"כ אותן המבלים ימיהם בסברות כרסיות ובדיות מן הלב באופן שא"א לבא בדרך הלימוד הזה לידי בירור הוראה הלכה למעשה אין זה ידיעת התורה, ועוד גרע מזה שכשנעשים אח"כ מורי הוראות עפ"י דרכם מחריבין את העולם בהוראותיהם הבניות על קורי עכביש כדרך לימודם ומהפכים דברי א׳ חיים אף בדרים פשוטים וגלוים בסברות שאין בהם ממש) (שמעי׳ ברוך גאלד, ירמי׳ מאיר גאלד)